# סצענע 6 ב'
# Escena 6 B

## דער מאָדע פּאַראַד
El desfile de modas

אַנאָנסירער - חשובֿע געסט !
מיר וועלן הײַנט ווײַזן אונדזער פֿרילינג - זומער מאָדע-פּאַראַד פֿאַר יונגע מענער און יונגע פֿרויען. פֿון אונדזער קאָלעקציע וועט איר קענען אויסקלײַבן קליידונג פֿאַר די וואַרעמע מאָנאַטן... מאָנאַטן צו פֿאָרן אויף וואַקאַציעס, צום יַם און סתם שפּאַצירן.

- אָט קומט נאַטאַשאַ גרייט צו גיין צום יַם. זי גייט אָנגעטאָן אין אַ קאָלירטן באָדקאָסטיום, ראָזע סאַנדאַלן, ראָזע זונברילן.זי טראָגט אַ ראָזע מאָבילקע און אַ פּאַראַסאָל אויך אַ קאָלירטער.

גיטל - אוי ווײ ! זע נאָר די נאַטאַשאַ ווי זי גייט, האַלב נאַקעט !

ציווקע - מאַמע, זי גייט אָנגעטאָן אין אַ באָדקאָסטיום און זי טראָגט אַ צעלולאַר. זי גייט נישט האַלב נאַקעט, זי גייט האַלב אָנגעטאָן !

מאָטל - נאָך אַלץ און נאָך אַלעמען איז געווען אַ גוטער אײַנפֿאַל צו קומען אין געשעפֿט...

אַנאָנסירער - אָט קומט מעני אויך גרייט צו גיין צום יַם, אָנגעטאָן אין אַ בלויעם באָדקאָסטיום, מיט שוואַרצע זונברילן און אַ בלויע הוט.

גיטל - אוי ווײ, נאָך אַ מאָל אַ נאַקעטער... ! לאָמיר אַוועקגיין.

ציווקע - מאַמע, האַק נישט קיין טשײַניק... ער גייט ניט נאַקעט, ער גייט בלויז באָרוועס. און חוץ דעם, איז ער אַ שיינער בחור...

אַנאָנסירער - נאַטאַשאַ קומט איצטער אָנגעטאָן אין געלע קורצע הויזן,
אַ געלע בלוזקע מיט קורצע אַרבל, רויטע סאַנדאַלן און
אַ רויט היטל.
רייזל - אוי מאַמע, איך חלש אַ טויטע. איך מוז קויפֿן די קורצע
הויזן ! דו מיינסט אַז זיי זײַנען צו טײַער ?
גאָלדע - ניין, ניין רייזעלע,איך האָב פֿריער געזען דעם פּרײַז,
און זיי קאָסטן צוויי הונדערט דרײַ און צוואַנציק פּעזעס...
ביליק ווי באָרשט ! מיר קענען אַפֿילו קויפֿן צוויי פּאָר קורצע
הויזן אויף די וואַקאַציעס.
רייזל - אוי, אַ דאַנק, מאַמע. איך וועל קויפֿן געלע און אויך ראָזע
קורצע הויזן.
אַנאָנסירער - איצטער קומט מעני אָנגעטאָן אין קורצע גרינע הויזן...
- קורצע הויזן, נישט לאַנגע הויזן... כמ, כמ... מעני טראָגט
קורצע גרינע הויזן, אַ ברוין העמד מיט קורצע אַרבל און
דרײַ קנעפּלעך, און ברוינע ספּאָרטשיך. די זאַכן קען מען
טראָגן אומעטום אויף די וואַקאַציעס.
רייזל - מאַמע, איך מיין אַז מעני זעט אויס בעסער אין אַ
באָדקאָסטיום...
גאָלדע - רייזל, רייזעלע... וועגן וואָס טראַכסטו ?